# בלק

א. אין אָנהויב פון דער סדרה איז רש״י מעתיק אַלע ווערטער פון ערשטן פסוק „וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי״ און איז מפרש „אמר אלו שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם אנו על אחת כמה וכמה, לפיכך ויגר מואב״.

זאָגן מפרשים[1], אַז מיט זיין פירוש איז דאָ רש״י מחדש, אַז דאָס וואָס דער פסוק דערציילט ווייטער „ויגר מואב״, איז עס ניט קיין ענין בפני עצמו, נאָר דאָס קומט בהמשך צו „וירא בלק גו׳ ״: ווען בלק האָט געזען וואָס אידן האָבן געטאָן לאמורי, ווי אַזוי זיי האָבן מנצח געווען די צוויי מלכים סיחון ועוג מיט זייער פאָלק, האָט בלק געמאַכט דעם ק״ו — מה־דאָך די „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם, אנו על אחת כמה וכמה״, און דעריבער — „ויגר מואב״.

ס׳איז אָבער ניט מובן:

א) אויב מען זאָל לערנען ווי דער קא סלקא דעתך, אַז מיט „ויגר מואב״ הויבט זיך אָן אַ באַזונדער ענין און ניט ווי אַ תוצאה פון „וירא בלק״ — האָט דאָך דאַן דער גאַנצער פסוק „וירא בלק״ קיין פירוש ניט[2]: למאי נפקא־מינה צי בלק האָט דאָס יע געזען אָדער ניט, אויב דאָס האָט ניט געבראַכט צו קיינע תוצאות? — איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אויך אָן פי׳ רש״י, אַז „וירא בלק גו׳ ״ ווערט דערציילט אַלס אַ סיבה צו ויגר מואב — היינט וואָס איז רש״י מחדש מיט זיין פירוש „לפיכך ויגר מואב״?

ב) אין די מערסטע פאַלן וואו רש״י איז מפרש אַ פסוק, איז ער פון אים מעתיק בלויז די ערשטע ווערטער[3] (און מרמז אויף די איבעריקע דורך „וגו׳ ״[4]) — פאַרוואָס באַגנוגנט זיך ניט רש״י אין אונזער פסוק מיט מעתיק זיין בלויז די התחלה־ווערטער „וירא בלק״, נאָר ער ברענגט אַראָפּ אויך דעם גאַנצן ווייטערדיקן המשך הפסוק, ביז צום לעצטן וואָרט „לאמורי״?

ג) בכדי צו מסביר זיין דעם ק״ו פון בלק׳ן, אַז מה־דאָך די „שני מלכים לא עמדו בפניהם״ איז „אנו עאכו״כ״, איז לכאורה נוגע צו מדגיש זיין בעיקר די שטאַרקייט פון סיחון ועוג. צוליב וואָס דאַרף רש״י מוסיף זיין דעם פרט „שהיינו בטוחים עליהם״? און אויך: ווי אַזוי לערנט ער דאָס אַרויס פון פסוק, וואו ס׳איז לכאורה ניטאָ קיין רמז אויף דעם?

ב. איז דער ביאור בכל זה:

בשעת דער „בן חמש (למקרא)״ לערנט די פסוקים „וירא בלק גו׳ ויגר מואב גו׳ ״, קומט ביי אים אויס בפשטות, אַז „וירא גו׳ ״ און „ויגר גו׳ ״, זיינען צוויי באַזונדערע ענינים (און ניט אַז דער „וירא״ האָט גורם געווען דעם „ויגר״):

1) גו״א כאן.
2) וכמ״ש הגו״א עצמו.
3) ראה חוקת כא, כו. ובכ״מ.
4) ראה לקמן כב, י. ובכ״מ.

וואָרום אויסער דעם, וואָס דער פסוק גופא טייטשט אויס, אַז די מורא פון מואב פאַרן עם ישראל איז געווען — „כי רב הוא" — מחמת דעם וואָס אידן זיינען גרויסצאָליק און מעכטיק — און דאָס האָט מואב געוואוסט אויך פאַר מלחמת סיחון ועוג, וואָרום די אידן האָבן דאָך נאָך פריער אַרומגע־רינגלט ארץ מואב „כל דרומה ומז־רחה" [5];

איז אפילו את"ל, אַז דאַן איז נאָך מואב ניט געווען איבערצייגט אין דער גאַנצער שטאַרקייט פון אידן, און זיי האָבן זיך דערוואוסט דערפון ערשט נאָך דעם ווי זיי האָבן געזען „את כל אשר עשה ישראל לאמורי" [6] —

איז אָבער סיוּוי שווער צוזאַמענ־בינדן ביידע פסוקים אין איין המשך, ווייל אין פשטות קומט אויס, אַז דער „ויגר מואב" איז געקומען דערפון וואָס מואב האָט געזען, און ניט [7] דער־פאַר וואָס „וירא בלק" [8].

און מצד דער משמעות וואָלט מען געדאַרפט איינלערנען, אַז די צוויי פסוקים „וירא בלק" און „ויגר מואב" ריידן וועגן צוויי פאַרשידענע פרטים [9]: דער ענין פון „ויגר מואב" (די מורא פונעם פאָלק) וואָס האָט געשטאַמט דערפון וואָס „רב הוא", מצד דעם ריבוי פון אידן, האָט זיך טאַקע אָנ־געהויבן נאָך פאַר דער מלחמה מיט סיחון ועוג, וכנ"ל, אַז דאָס האָבן די מואבים געזען נאָך דאַן ווען די אידן האָבן אַרומגערינגלט ארץ מואב, און פון זינט דעמאָלט איז זיי באַפאַלן אַ מורא פאַר אידן;

נאָר פונדעסטוועגן האָט דאַן דאָס פאָלק ניט געקענט פרואוון געפינען אַן עצה דערצו, ווייל אויף זייער מלך, דאַרף מען זאָגן, האָט דער ריבוי פון אידן ניט אַנגעוואָרפן קיין מורא.

בשעת ס'איז אָבער פאָרגעקומען די מלחמה מיט סיחון ועוג, און בלק (מלך מואב) האָט דערזען „את כל אשר עשה ישראל לאמורי", האָט אויך ער אָנגעהויבן צו שרעקן זיך פאַר די אידן; ד. ה., אַז צום „ויגר מואב" איז אויך צוגעקומען דער „וירא בלק" און אויך זיין מורא [10] — האָט מואב שוין דאַן אָפן אויסגעדריקט די מורא, און „ויאמר מואב גו'", זיי האָבן געפרעגט אַן עצה ביי זקני מדין וואָס צו טאָן, און בלק האָט געשיקט „מלאכים אל בלעם גו'";

און הגם אַז דער פירוש איז ניט גלאַטיק — וואָרום אויב אַזוי, האָט דער פסוק „ויגר מואב גו'" געדאַרפט

---

5) רש"י חקת כא, יג.

6) אבל גם לפ"ז א"מ מ"ש „כי רב הוא" לאחרי שנאמר כבר „את כל אשר עשה ישראל לאמורי" (ראה ברא"ם וגו"א כאן).

7) ראה גם אוה"ח כאן: לאיזה ענין תלה הראי' בבלק ולא בבעלי המגור שהם מואב.

8) בש"ח כאן, שמ"ש „וירא בלק" הוא לפי שהוא דוקא התבונן בזה (וראה עד"ז גו"א ולבוש כאן), וכששמעו המון העם את דברי המלך שאמר „אלו שני מלכים כו'" אז „ויגר מואב".

אבל אינו מובן: מהו החידוש בהק"ו „אלו שני מלכים כו'" עד שרק בלק ראה זה וצ"ל התבוננות בזה?

9) וכמו שפירש באוה"ח ש„ויגר מואב אינה הודעת הנמשך משמועת בלק, אלא.. לצד היותם רבים ותקיפים כאומרו כי רב הוא".

10) ועפ"ז הי' מובן גם מה שנאמר „וירא בלק" — אף שכולם ראו זה — כי בשאר בני מואב הי' ה„ויגר" גם מקודם, ולאח"ז נתחדש שגם בלק ראה.

שטיין פאַרן [11] פסוק „וירא בלק גו׳" — פונדעסטוועגן, לולא פירוש רש״י וואָלט מען פּאַרט גיכער איינגעלערנט אַט־דעם פשטות׳דיקן פירוש (אַז „וירא בלק" און „ויגר מואב" זיינען צוויי באַזונדערע ענינים) — דעריבער דאַרף רש״י מחדש זיין „וירא בלק כו׳ לפיכך ויגר מואב".

ג. אָבער עפ״ז בלייבט דאָך די אויבנדערמאָנטע קשיא: אויב אַזוי, האָט דאָך דער פסוק געדאַרפט זאָגן, „וירא מואב" און ניט „וירא בלק" — באַוואָרנט דאָס רש״י מיט די ווערטער „שהיינו בטוחים עליהם":

אָט דער ענין, אַז די מלכי כנען האָבן געצאָלט מס צו סיחון ועוג בכדי צו פאַרהיטן זיי „שלא יעברו עליהם גייסות" [12], איז געווען ניט קיין דבר מפורסם —

[ווי ס׳איז מובן פון דעם וואָס רש״י זאָגט פריער [12*], אַז בשעת די אידן האָבן געשיקט שלוחים צו סיחון מיט די בקשה: „אעברה בארצך", האָט ער זיי געענטפערט „כל עצמי איני יושב כאן אלא לשמרם מפניכם ואתם אומ־רים כך" — איז אויב מען זאָל אָנ־נעמען אַז דאָס איז געווען אַ מפור־סם׳דיקע זאַך, וואָלטן די אידן מל־כתחילה זיך ניט געוואָנדן צו אים אַז ער זאָל זיי דורכלאָזן (אָדער זיי וואָלטן דאָס לכל־הפחות באַוואָרנט אין זייער שליחות צו אים: אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַ געדונגענער צו היטן „שלא יעברו וכו׳", דאַרף ער פונדעסטוועגן דורכלאָזן די אידן) — איז עס דאָך אַ באַווייז, אַז דאָס איז געווען אַן ענין סודי, וואָס אויסער די מלכי כנען (און מלך מואב) האָט מען ניט געוואוסט דערפון] —

און דעריבער וואָלטן די בני־מואב ניט באַווירקט געוואָרן דערפון וואָס זיי האָבן געזען אַז די אידן האָבן איינ־גענומען סיחון ועוג, און דאָס וואָלט ביי זיי ניט אַרויסגערופן קיין באַזונ־דערן צוגאָב־פּחד [13] — וויבאַלד זיי האָבן ניט געקענט וויסן אַז מיט דער מפלה פון סיחון ועוג האָבן זיי פאַר־לאָרן די וואָס מען איז געווען „בטוחים עליהם"; און אַז די אידן זיינען גרויס און שטאַרק — דאָס האָבן זיי געוואוסט פון פריער, דערפאַר איז ביי זיי ניט צוגעקומען קיין חידוש ווען זיי האָבן געזען „את כל אשר עשה ישראל לאמורי".

אָבער בשעת בלק האָט געהערט וואָס די אידן האָבן געטאָן צו סיחון ועוג, האָט ער אין דעם „געזען" גאָר עפּעס אַנדערש: ער האָט געזען אַז מען האָט פאַרטיליקט די וואָס „היינו בטוחים עליהם", אַז פון איצט אָן איז מער ניטאָ אויף וועמען צו פאַר־לאָזן זיך [14].

---

11) ואף שאין מוקדם ומאוחר בתורה (פרש״י בראשית ו, ג ובכ״מ) — הרי מובן שצ״ל טעם על שינוי הסדר (לסיים ענין וכיו״ב — ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 119 הערה 13). ובתרומה (כה, כא) — אין מקום לטעות, משא״כ כאן.

12) רש״י חקת כא, כג.

12*) חקת שם.

13) וי״ל, ש(גם) לא פחדו בכלל, מכיון שראו שעד עכשיו לא לחמו עמהם, ועד שלא באו לגבולם (רש״י חקת כא, יג).

14) וכהס״ד שברא״ם כאן, שכוונת רש״י ב„שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם" הוא: „אנו מה בטחון יש לנו עתה". (ותירוץ קושיית הרא״ם על פירוש זה מה־לשון „אנו על אחת כמה וכמה" — ראה לקמן ס״ח). ולהעיר, ממה שגם בשליחותו של בלק אל בלעם אמר „הנה כסה את עין הארץ, סיחון ועוג שהיו שומרים אותנו" (כב, ה ורש״י שם), ולא הזכיר כלל את גבורתם.

דעריבער האָט בלק, מחמת גרויס פחד, מער ניט געקענט מעלים זיין אָט דעם סוד פון זיינע אנשי המדינה און האָט אויך זיי מגלה געווען, וואָס עס מיינט די מפלה פון סיחון ועוג — און „לפיכך ויגר מואב"[15].

ד. לכאורה איז פאַראַן אַן אָרט צו מסביר זיין די פסוקים „וירא בלק" און „ויגר מואב" על־דרך ווי רש"י זאָגט פריער[16] בנוגע צו „וישלח מלאכים" (צו מלך אדום און צו סיחון): אַז דאָס וואָס אַמאָל שטייט „וישלח ישראל מלאכים" און אַמאָל שטייט אַז משה האָט זיי געשיקט, איז דאָס (איינע און דאָס זעלבע) ווייל „משה הוא ישראל וישראל הם משה", און דאָס לערנט אונז אַז „נשיא הדור הוא ככל הדור, כי הנשיא הוא הכל".

און ענלעך דערצו וואָלט מען לכאורה געקענט מבאר זיין אויך אין אונזער פרשה, אַז דאָס וואָס פריער שטייט „וירא בלק" און דערנאָך „ויגר מואב", מיינט עס ניט אַז פריער רעדט זיך וועגן בלק'ן בדוקא און אַזוי אויך שפּעטער ניט דוקא וועגן פאָלק (מואב) — נאָר ביידע פסוקים ריידן וועגן בלק'ן (אָדער ביידע וועגן מואב'ן) און דער פסוק איז משנה דעם לשון נאָר צוליב'ן טעם, וואָס זייענדיק דער מלך (נשיא) פון מואב איז „בלק הוא מואב ומואב הם בלק".

אָבער אין אמת'ן קען מען אַזוי ניט איינלערנען, ווייל[17] דאָס וואָס „משה הוא ישראל וישראל הם משה" איז בלויז אַ הסבר ווי אַזוי עס קען שטיין משה אַנשטאָט ישראל און ישראל אַנשטאָט משה; ס'איז אָבער אַ דבר פשוט, אַז עס דאַרף זיין אויך אַ טעם פאַרוואָס דער פסוק זאָגט „וישלח ישראל מלאכים אל סיחון" (בשעת אַז אין אמת'ן האָט זיי משה געשיקט[18]) — וואָרום דערמיט ווייל דער פסוק באַוואָרענען[19] ווי אַזוי משה האָט געקענט געבן דעם צוזאָג

15) ועפ"ז מתורץ מ"ש „כי רב הוא", אף שכבר נאמר „את כל אשר עשה ישראל לאמורי" (ראה לעיל הערה 6) — כי הסיבה ל„ויגר" הוא [לא מה שעשה ישראל לאמורי, כ"א] „כי רב הוא". אלא, שבאם הי' להם על מי לבטוח הי' זה מבטל את יראתם. וכמ"ש הרא"ם כאן.

16) חקת כא, כא.

17) ונוסף לזה: השינוי שגבי שליחות המלאכים הוא כהדגשת רש"י שם „במקום אחר". משא"כ בנדו"ד.

18) ראה לעיל ע' 137 הערה 18. — וראה בארוכה בכ"ז לקו"ש חל"ג ע' 132 ואילך.

19) ועד"ז הוא גם בנוגע למ"ש (שופטים יא, יז) „וישלח ישראל מלאכים אל מלך אדום וגו'" — כי מה שאמר יפתח „וישלח ישראל מלאכים גו' וגם אל מלך מואב שלח ולא אבה", הוא בכדי להוכיח ש„לא לקח ישראל את ארץ מואב גו'". ולכן הדגיש וישלח ישראל גו'*, בכדי (א) להראות יחס ישראל (ולא רק דמשה), שלא רצו ליקח ארצם. (ב) שמה שהודו אז שאין להם תביעה על מה שלקחו ישראל את ארצם מסיחון — וכמו שמסיים (שם פסוק כו) „ומדוע לא הצלתם בעת ההיא" — היא **הודאה** (מעמון ומואב) לישראל [ולא רק (ממלך עמון ומואב שהי' אז) למשה] כי הם נהלו כל השקו"ט, ובמילא ההודאה קיימת גם עכשיו. ולהעיר מענין דאין מיתה בצבור (הוריות ו, א).

*) ומכיון שבנוגע **למואב** הוצרך לומר **שישראל** שלח, אמר גם „וישלח ישראל גו' אל מלך אדום", כי השליחות למואב היתה טפל וחלק מהשליחות לאדום, וכלשון הכתוב שם „וגם". (ובזה מתורץ מה שמשה רק „רמזה", וג"ז בדברים (ב, כט) ולא על אתר בפ' חקת — רש"י חקת כא, יג).

ועפ"ז מובן גם מה שרש"י בפ' חקת (כא, כא) מוסיף „וגו'" בפסוק דיפתח — אף שלא כתב כן בכתובים הקודמים שבאותו קטע עצמו.

פאַר אַלע אידן, אַז „לא נטה בשדה ובכרם לא נשתה מי באר וגו׳״, ווייל די שליחות איז טאַקע געקומען פון אַלע אידן[20].

[און דאָס וואָס ביי די שלוחים צום מלך אדום ווערט געזאָגט „וישלח משה מלאכים״[21] — הגם אַז אויך דאָרט האָט מען צוגעזאָגט „לא נעבור בשדה ובכרם גו׳״[22] — איז עס דערפאַר וואָס דאָ האָט מען געזוכט אַלערליי מיטלען צו פועל׳ן ביים מלך אדום[23], ער זאָל לאָזן דורכגיין זיין לאַנד[24], און דעריבער זיינען די שלוחים געקומען בשמו של משה, מיינענדיק, אַז בעת מען וועט אים זאָגן אַז זיי זיינען שלוחים פון משה אַליין, וואָס איז געגליכן צו אַ מלאך[25], וועט עס אַרויסרופן אַ פחד ביים מלך אדום און ער וועט זיי דערלויבן דורכצוגיין זיין לאַנד.

משא״כ בנוגע צו סיחון, וואָס אים איז מען ניט געוועזן אויסן צו שרעקן מיטן נאָמען פון משה, זיינען די שלוחים געקומען בשם ישראל, בכדי עס זאָל ביי עם נתקבל ווערן די הבטחה פון „לא נטה גו׳״[26] — און דעריבער שטייט דאָרט „וישלח ישראל מלאכים״].

אָבער ווען עס וואָלט ניט געוועזן דער טעם, וואָלט דער פסוק ניט געשריבן (משה אַנשטאָט ישראל אָדער) ישראל אַנשטאָט משה בלויז צוליב דעם וואָס „משה הוא ישראל וישראל הם משה״.

און דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע לעניננו: וויבאַלד אַז ביי „ויירא״ און „ויגר״ איז ניטאָ קיין טעם אַוועקצושטעלן בלק אַנשטאָט מואב און מואב אַנשטאָט בלק, איז דעריבער מוכרח אַז מיט „וירא בלק״ ווערט געמיינט אויסשליסלעך בלק (און ניט דאָס פאָלק), און מיט „ויגר מואב״ — דאָס פאָלק מואב (און ניט בלק).

און דעריבער לערנט רש״י אַז בלק האָט געזען אַזאַ זאַך וואָס אַנדערע האָבן ניט געזען, אַז די „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם״, און ווען דער פאָלק האָט

---

20) ועפ״ז יובן גם מה שלאחרי שאמר אדום „לא תעבור בי״ אמרו אליו בנ״י „במסלה נעלה ואם מימיך נשתה גו׳״ (חקת כ, יח־יט)

— דלכאורה: הרי גם לפנ״ז אמרו לו „לא נעבור גו׳ ולא נשתה גו׳״ ומ״מ אמר „לא תעבור בי״, ומה יועיל שיאמרו אליו עוד פעם אותו הדבר —

כי מכיון שגבי אדום כתיב „וישלח משה מלאכים״ (מצד הטעם דלקמן בפנים), לכן אמרו שאולי הטעם שאדום אמר לא תעבור הוא לפי שאינו סומך על דברי משה, ולכן „ויאמרו אליו בני ישראל במסלה נעלה גו׳״.

21) חקת כ, יד.

22) שם, יז.

23) שלכן הקדימו „כה אמר אחיך ישראל אתה ידעת גו׳״, ולא התחילו מיד „נעברה נא בארצך״, כבהשליחות לסיחון. (וגם אז אמרו „נעברה נא בארצך״).

24) כי באם לא יתן רשות לעבור דרך ארצו, יצטרכו „לסבוב את ארץ אדום״, וכמו שהי׳ בפועל (חקת כא, ד). משא״כ בסיחון, לא הי׳ איכפת כ״כ גם באם לא יתן רשות לעבור בגבולו — שהרי אפשר להלחם בו, וישראל היו בטוחים שינצחו — וכל הטעם דוישלח ישראל מלאכים הוא רק לפי ש„בקשו מהם שלום״ (רש״י חקת כא, כב).

25) חקת כ, טז וברש״י שם.

וע״פ מ״ש בפנים יובן גם הטעם מה שאמרו „וישלח מלאך״.

26) ואף שכל הטעם ד„וישלח ישראל מלאכים״ הוא רק לפי ש„בקשו מהם שלום״ (כנ״ל הערה 24), הרי מזה גופא שאמרו „לא נטה גו׳ לא נשתה גו׳״ מובן שבאם לא היו אומרים זאת אי״ז בקשת שלום, ובמילא, גם באם היו אומרים באופן שלא תתקבל אצלו ההבטחה, אי״ז בקשת שלום.

זיך דערוואוסט אַט דאָס וואָס „וירא בלק" איז „ויגר מואב", כנ"ל ס"ג.

ה. מיט זיין פירוש „שהיינו בטוחים עליהם" באַוואָרנט רש"י נאָך אַ קשיא:

לויט ווי מען לערנט בפשטות, אַז די מורא פון בלק'ן איז געקומען בלויז דערפון וואָס ער האָט געזען ווי די אידן האָבן באַזיגט אַזעלכע שטאַרקע מלכים ווי סיחון ועוג און ער האָט געמאַכט דעם ק"ו לגבי זיך, קען מען פרעגן: אַט דעם ק"ו האָט ער דאָך געקענט מאַכן באַלד נאָכן נצחון פון די אידן איבער סיחון מלך האמורי, (נאָך איידער זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט עוג מלך הבשן) — וואָרום אויך סיחון מלך האמורי איז געווען זייער שטאַרק[27], בדוגמת ווי עוג[28], און אויב „סיחון לא עמד בפניהם אנו עאכו"כ" — היינט פאַרוואָס האָט זיך ביי אים דערוועקט די מורא פאַר אידן ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן מנצח געווען אויך עוג מלך הבשן?

אָבער לויט דער הדגשה פון רש"י איז עס פאַרשטאַנדיק בפשטות: ווייל כל זמן עוג איז נאָך געווען בתקפו, האָט בלק ניט אַזוי מורא געהאַט, האָבנדיק לכה"פ איין שומר אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך; אָבער בעת ער האָט אויסגעפונען אַז ער האָט שוין אינגאַנצן ניט אויף וועמען צו בוטח זיין, ווייל „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם", דאַן האָט זיך ערשט דערוועקט די שטאַרקע מורא.

ו. ע"פ הנ"ל איז אויך פאַרשטאַנדיק, וואָס רש"י איז מעתיק ניט בלויז די ווערטער „וירא בלק", נאָר אויך די נאָכפאָלגנדיקע ווערטער פון פסוק ביז צום לעצטן וואָרט „לאמורי", ווייל דער אויפטו פון פי' רש"י איז נוגע אויך צום טייטש פון „עשה" „לאמורי":

אויב מ'זאָל לערנען אַז אין דעם וואָס „עשה ישראל לאמורי" האָט בלק'ן געשראָקן דאָס וואָס אידן זיינען שטאַרקער אויך פונעם אמורי — און וויבאַלד אַז (כנ"ל ס"ה) דעם פרט האָט ער געקענט איינזעען גלייך נאָך מלחמת סיחון נאָך פאַר דער מלחמה מיט עוג מלך הבשן — וואָלט דעמאָלט די סברא מחייב געווען צו לערנען אַז דער „עשה" „לאמורי" מיינט כפשוטו, בלויז צו סיחון מלך האמורי — און די פרשיות זיינען שלא כסדרן[29].

אָבער לויט דער הסברה פון רש"י: „שהיינו בטוחים עליהם", דאַרף מען איינלערנען אַז מיטן „עשה" „לאמורי" ווערט געמיינט אויך צו עוג מלך הבשן — וויבאַלד ער איז איינער פון „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם" (וואָרום אויך עוג הייסט אַמאָל „מלך האמורי"[29*]) — און לויט דעם פירוש קומט אויס גאָר גלאַטיק, אַז די פרשיות זיינען אויסגעשטעלט כסדרן.

27) ראה רש"י חקת כא, כג. דברים ב, לב.

28) כהמוכח מקושית רש"י (דברים ג, ב) ובסיחון לא הוצרך כו'. ולהעיר גם מלשון רש"י (שם ב, לב) „שלא היו צריכין זה לזה" — שפשטות הלשון „זה לזה" (ולא „שלא הי' צריך לעוג") משמע ששניהם היו בשוה.

29) ואין מוקדם ומאוחר בתורה ותחלה מסיים מלחמת בנ"י לרשת עבר הירדן מזרחה ואח"כ מספר ענין בלק וכו' (ראה לעיל הערה 11).

29*) דברים ג, ח. יהושע ב, י.

ז. אויף דעם ביאור הנ"ל אין פ־רש"י, אַז מיט די ווערטער „שהיינו בטוחים עליהם" מיינט רש"י צו אָנדייטן, אַז די הדגשה איז דאָ ניט די שטאַרקייט פון די שני מלכים, נאָר דער ענין פון „בטוחים עליהם" גופא (וואָס מואב האָט אָנגעוואוירן און זיך דעריבער געשראָקן) — איז לכאורה אַ קשיא פון דעם סיום אין פי' רש"י „אנו עאכו"כ" [30]:

ס'איז דאָך אַ דבר המובן, אַז ווען מען זאָגט אַ געוויסן ענין און מ'איז דערנאָך מוסיף אַ צווייטן ענין בדרך „עאכו"כ" קעגן ערשטן — מיינט עס דאָך אַז מיט זאָגן דעם ערשטן ענין ה„קל" איז מען אויסן (ניט זיין משמעות, פאַר זיך אַליין, נאָר) צו אַרויסבאַקומען דורך אים די גרעסערע וודאות אינעם צווייטן ענין ה„חמור" —

איז אויב מען לערנט אַז מיט „בטוחים עליהם" איז רש"י אויסן צו מבליט זיין די שטאַרקייט פון די מלכים — איז דאַן פאַרשטאַנדיק דער סיום „אנו עאכו"כ": מה־דאָך סיחון ועוג וואָס זיינען אַזעלכע מעכטיקע מלכים, ביז אַז אויך אַנדערע זיינען געווען „בטוחים עליהם" און דאָך האָבן אידן זיי מנצח געווען — איז עאכו"כ אַז זיי וועלן מואב זיכער איינ־נעמען;

אָבער לויטן ביאור הנ"ל, אַז בלק'ס מורא איז געקומען מצד דעם גופא וואָס עס זיינען מער ניטאָ די „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם" — פאַסט דאָך ניט דאָ לכאורה דער סיום בדרך ק"ו „אנו עאכו"כ", ס'איז דאַן איבערהויפּט ניט נוגע קיין קל־וחומר.

30) וכמו שהקשה ברא"ם כאן.

ח. איז דער ביאור אויף דעם, אַז מיטן לשון „אנו על אחת כמה וכמה" וויל רש"י פאַרענטפערן אַ קשיא וואָס שטעלט זיך אין כללות הענין:

אין דער פריערדיקער סדרה [31] דערציילט רש"י, אַז אויך צו מואב האָבן אידן געשיקט שלוחים, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל זיי לאָזן דורכגיין דורך זיין לאַנד; און בשעת דער מלך מואב האָט זיי דאָס ניט נאָכגעגעבן, האָבן די אידן אַרומגערינגלט ארץ מואב — אָבער דעם גבול פון מואב זיינען זיי ניט אַריבערגעגאַנגען.

און דאָ ווערט באַלד קשה: וואָס איז געווען די סיבה וואָס מואב האָט דערנאָך אַזוי מורא געהאַט פאַר די אידן, וויבאַלד מואב האָט דאָך שוין געזען אַז די אידן ווילן ניט (אַריבער־גיין דעם גבול און) מלחמה האַלטן מיט אים [32]?

31) כא, יג.

32) בפרש"י מטות לא, ב: „שהיו יראים מהם שיהיו שוללים אותם" (וראה גם רש"י דברים ב, ט. ושם: „שהיו שוללים ובוזזים אותם").

אבל ממה שאמר בלק „אולי אוכל נכה בו" (היינו שרצה ללחום עמהם) מוכרח שהי' ירא גם שילחמו ויכבשו את מואב, כי מצד היראה „שיהיו (רק) שוללים אותם" לא היו מסכנים את עצמם להלחם עם ישראל ש„עצום הוא ממני", מכיון שגם לאחרי „ארה לי" רק „אולי אוכל נכה בו".

ומזה מוכח שהי' ירא שיכבשו את מואב [וכמפורש ברש"י כב, ה: „קרובים הם להכריתני"], וחשב שבודאי יעשו כן כדלקמן בפנים, ולכן הי' כדאי לו להלחם עמהם, הגם שרק „אולי אוכל נכה בו".

ומה שפירש"י בפ' מטות ודברים שהיראה הי' רק מצד ש„שוללים" (כבתחלת ההערה) — יש לומר, שהי' חילוק בזה בין מואב לבלק: יראת מואב היתה רק שיהיו „שוללים", ולכן אמרו (רק) „ילחכו גו'" (ראה

און די קשיא באַווארנט רש״י מיט זיין לשון „אלו שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם לא עמדו בפניהם, אנו עאכו״כ״: בלק האָט געטראַכט אַז דאָס וואָס די אידן האָבן פריער אויסגעמיטן צו מלחמה האַלטן מיט מואב, איז עס (ניט צוליבן[33] ציווי ה׳ „אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה״[34], נאָר) דערפאַר וואָס זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם אויסגיינג פון אַ מלחמה איזו שתהי׳ (סיידן — בציווי מפורש פון ה׳) וויסנדיק אַז חרב (ד.ה. אויך — נצחון המלחמה) איז געגעבן געוואָרן (צו עשו ויורשיו) ניט צו יעקב ויורשיו[35] ובפרט אַז סיחון ועוג וועלן אים קומען צו הילף — אָבער איצט, נאָכדעם ווי די אידן האָבן מלחמה געהאַט און מנצח געווען די מלכים סיחון ועוג, וועלן זיי שוין זיך ניט אָפּהאַלטן פון דער מלחמה מיט מואב.

און דאָס מיינט רש״י מיט „אלו שני מלכים . . לא עמדו בפניהם אנו עאכו״כ״, אַז אויב די שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם זיינען ניט „געשטאַנען״ (ניט געהאַט קיין שטאַנד, קיין תפיסת מקום) לגבי אידן; אַז די אידן האָבן זיך ניט גערעכנט מיט זיי און געהאַט דיברייטקייט צו מלחמה האַלטן מיט זיי — איז דאָך עאכו״כ אַז „אנו״, ווען מיר (מואב) זיינען געבליבן אַליין (און מיר האָבן שוין ניט די מלכים שהיינו בטוחים עליהם), וועלן מיר אַוודאי ניט „שטיין״ קעגן זיי, און זיי וועלן זיכער מלחמה האַלטן מיט אונז.

ט. אין הנ״ל קען מען צוגעבן נאָך אַ נקודה:

ווי געזאָגט פריער (ס״ג), איז בעת בלק האָט געזען ווי די אידן האָבן דער׳הרג׳עט די „שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם״, האָט ער וועגן דעם דערציילט דעם פאָלק, און דאָס האָט געווירקט אַז „ויגר מואב״.

ולכאורה, צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט אַלעמען דערציילן וועגן דעם: סיווי האָבן זיי דאָך אין דעם גאַרניט געקענט העלפן, היינט צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט מאַכן דעם „ויגר״ אין לאַנד?

איז דער תירוץ אויף דעם, אַז בשעת „וירא בלק את כל אשר עשה ישראל לאמורי״, איז ער צעטומלט געוואָרן און ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשן און זיך איינהאַלטן אויף ניט צו ריידן וועגן דעם, ווייל „הרשעים[36] הן ברשות לבם״.

און דאָ זעט מען דעם חילוק צווישן בלק׳ן ביז, להבדיל, משה רבינו:

בלק האָט גלייך מפרסם געווען די מורא זיינע, ביז אַז דער גאַנצער פאָלק האָט מורא געהאַט. משא״כ משה רבינו, אַפילו בעת ער האָט מורא געהאַט פאַר עוג׳ן „שמא תעמוד לו זכותו של אברהם״[37], איז ניט בלויז וואָס

דע״ז מבעה״ת ורשב״ם), ויראת בלק — „להכריתני״. וראה הערה שלאח״ז. — וראה לקו״ש בלק תנש״א (א) ס״ג.

33) ולכאורה צ״ע מפרש״י (בשלח טו, טו) ש„אילי מואב לא הי׳ להם לירא כלום״ — אבל אדרבא משם יסוד להנאמר בפנים, שהרי מפרש שם רש״י הטעם „שהרי לא עליהם הולכים״ (ותו לא), ועתה ראה בלק כי „הוא יושב ממלי״.

34) דברים ב, ט.

35) ראה רש״י חוקת כ, יח.

36) ב״ר פל״ד, י. פס״ז, ח. ועוד.

37) רש״י חקת כא, לד.

ער האָט וועגן דעם קיינעם ניט דער־ציילט, נאָר נאָכמער: אַפילו אויף אים אַליין איז כלל ניט געווען קענטיק קיין מורא, און ווי דער לשון אין גמרא[38], אַז ס'איז געווען בלויז „בל־בו".

י. און דאָס איז אויך איינער פון די ענינים פון י"ב תמוז וועלכע זיי־נען בשייכות צו עניני פ' חקת[39]. ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר, דער „אתפשטותי' דמשה"[40] פון אונזער דור, געפינט מען אַ ספּעציעלע הדגשה אויף אַזאַ הנהגה ובקשר מיט דעם מאסר:

בעת דער רבי האָט געזען אַז עס זיינען דאָ קטרוגים ר"ל, און ווי ער האָט געזאָגט „פאַר תרפ"ז האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן"[41], איז אָבער צוזאַמען דערמיט, איז ניט נאָר וואָס ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזן, נאָר אדרבה, אין דער זעלבער צייט (און אַפילו בשעת מען האָט אים שוין אַרעסטירט בפועל) האָט ער נאָך מער־דד געווען און געשטאַרקט את צאן מרעיתו, אויף צו מוסיף זיין און פאַר־שטאַרקן די אַרבעט פון הרבצת התו־רה והחזקת היהדות,

אויך זייענדיק שוין אין שפּאַלערנע תפיסה און וויסנדיק קלאָר די סכנה איומה פאַר עם און פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון הפצת היהדות — האָט ער באַ זיך מחליט געווען ובלשונו: „אינני רשאי לחשוב מחשבות כאלו הפועלות נמיכת רוח"[42]; „להיות עז ותקיף, בלי חת. לדבר בשפה ברה כו'"[43]; „ומחוייב הנני . . שלא להבהל ושלא לפחוד, למען אשר אוכל החזיק מעמדי שלא לסור ימין ושמאל, מאת אשר החלטתי, לבלי לתת את גאון יעקב למרמס"[44],

און ער האָט עס דורכגעפירט בפו־על[45]

און דאָס גופא האָט מיטגע'פועל'ט צו בריינגען דעם „בידך נתתי אותו"[46], אַז מען איז אַרויס מיט אַ נצחון גמור, און אין אַן אופן פון „ביד רמה" און „בריש גלי"[47].

(משיחות ש"פ בלק תשכ"ה)

---

38) נדה סא, סע"א.
39) ראה גם לעיל ע' 130.
40) ת"ז תס"ט (קיב, א. קיד, א).
41) ראה סה"מ תש"ח ע' 264 בהערה.

42) לקו"ד ח"ד תרלט, א. וראה גם שם תרכד, א.
43) שם תרכו, א.
44) שם תרלט, ב.
45) ראה סה"ש תש"א ע' 138. תש"ב ע' 2־81.
46) לשון הכתוב חקת שם.
47) לשון הכתוב בשלח יד, ח ותרגום שם.

# בלק ב

**א.** אויפן פסוק[1] „וירא פנחס גו' ויקח רומח גו'" זאָגט די גמרא[2] — און רש"י ברענגט עס בפירושו עה"ת — „ראה מעשה ונזכר הלכה כו' הבועל ארמית קנאין פוגעין בו".

און כאָטש אַז דער דין „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו" איז „הלכה למשה מסיני", איז אָבער פאַראַן אַ ראַי' דערצו אויך פון תורה־שבכתב: פון אָט־דעם פסוק גופא „וירא פנחס גו' ויקח רומח גו'"[3].

ועפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס דער פסוק[4] טייטשט אויס אַז „וידקור את שניהם" איז געווען „את האשה אל קבתה", און רש"י איז מפרש[5] „כוון בתוך זכרות של זמרי ונקבות שלה וראו כולם שלא לחנם הרגם" — דלכאורה 1) למאי דער־ציילט עס דער פסוק דאָ? 2) ווי קען גאָר זיין אַ קס"ד אַז „לחנם הרגם" — נאָך זמרי'ס זאָגן בפירוש: זו אסורה או מותרת כו' — ווי גע־בראַכט בפירוש רש"י דאָ?

נאָר היות אז מיטן סיפור „וירא פנחס גו'" וויל דער פסוק אויך מרמז זיין די הלכה אַז „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו", זאָגט ער דעריבער „אל קבתה" בכדי צו מרמז זיין אויך די פרטים פון דער הלכה, אַז דער קנאי מעג פוגע זיין אין דעם בועל ארמית דוקא בשעת מעשה אָבער ניט לאחרי שפירש[6].

**ב.** לכאורה קען מען פרעגן: אויב די תורה וויל אונז לאָזן הערן דעם דין פון „קנאין פוגעין בו" — פאַר־וואָס ווערט אָט־די הלכה געבראַכט אין פסוק אין אַן אופן פון סיפור און ניט

1) פרשתנו כה, ז.

2) סנהדרין פב, א. וכ"ה בבמדב"ר פ"כ, כה.

3) רמב"ם הל' אסו"ב פי"ב ה"ד: ודבר זה הל"מ הוא ראי' לדבר זה מעשה פנחס בזמרי. וצע"ק בהקדמתו לפיה"מ שכ' שהל"מ „אין לו רמז במקרא ואינו נקשר בו וכו'". והרי אין לומר שזהו רמז „נסתר" (ראה פיה"מ סוכה סופ"ד. סנה' (פא, ב) והיכא רמיזא. מג"א לסהמ"צ להרמב"ם ריש שורש א), או שאינו נקשר במקרא. וראה לקמן הערה 6.

וי"ל בפשטות דכיון דאמר פנחס „לא כך למדתני ברדתך מהר סיני הבועל כו'" — הרי מוכח דהייתה הלמ"ס מ' שנה לפני המעשה (ואדרבא בשעת מעשה לא הייתה יכולה להיות הוראה שהרי „אין מורין כן". ולכן גם מענה משה לא הי' מעין השאלה (שלמדו כו'), כ"א קריינא דאגרתא כו'). והא דגם לאחר המעשה נשארה בסוג הלמ"ס אף ש„נקשר בכתוב" י"ל דפי' הכתובים (לה־רמב"ם, משא"כ לפרש"י עה"ת) שהי' בזה (התחלת) ע"ז וכמש"נ: ועל דבר כזבי גו' ומוסיף: ביום גו' פעור. וראה גם לקמן ס"ד.

4) כה, ח.

5) מסנה' פב, ב. במדב"ר שם.

6) ולהעיר, שהדין ד„אם פירש כו'", נלמד (סנה' שם, א) מפרשת זמרי ופנחס. ומפורש יותר ברמב"ם שם (ה"ה) „אלא בשעת מעשה כזמרי, שנאמר ואת האשה אל קבתה" (וראה ג"כ סהמ"צ מל"ת נב. ובר־מב"ן שם ריש שרש ג') — אף שכללות הדין דקנאין פוגעין בו וכן פרטי הדין שהוא דוקא בשעת מעשה (ראה רש"י שם ע"ב — ד"ה קנאין) הוא הלכה למשה מסיני — כי ה„ראי' לדבר זה" (לכללות ההלכה וגם לפרטי') הוא „מעשה פנחס בזמרי". וראה גם ע"ז לו, ב: בפרהסי' וכמעשה שהי'. ועיין רש"י שם ד"ה פוגעין.